# יעקב ווייסליץ

## 1913 – 50 יאר בינע־טעטיקייט – 1963



## סוווענִיר־פּראָגראַם

### פייערלעכער יובל־באַנקעט

**זונטיק, דעם 3טן נאָוועמבער, 1963 אין „סטענמאַרק", מעלבורן**

# גאסט־געבער *(Hosts & Hostesses)* פון דעם יובל־באנקעט:

מרס. א. אבראמאוו
מר. און מרס. ל. אבראמאוויטש
מר. און מרס. י. אבראנטשקא
מר. און מרס. ס. אובער
מר. און מרס. טש. אייזען
מר. און מרס. י. איינהארן
מר. און מרס. ס. אלאני
מר. און מרס. פ. אלבערט
מר. און מרס. ד. אפפעלבוים
מר. און מרס. י. אקנא

**מר. י. אריה ע"ה**

מר. און מרס. פ. אש
מר. און מרס. א. אשלאק

מר. און מרס. וו. באטשינסקי
מר. און מרס. ה. באכראד
מר. מ. באקשטיין
מר. און מרס.
ה. און ג. בארנשטיין
מר. און מרס. ז. בארענשטיין
מר. און מרס. מ. בוט
מרס. ב. בוקס
מר. און מרס. ס. בורשטין
מר. און מרס. ג. ביאלילעוו
מר. און מרס. א. בידערמאן
מר. און מרס. פ. בלאק
מר. און מרס. מ. בליצבלוי
מר. און מרס. ס. בענדער
מר. און מרס. ה. בערק
מר. און מרס. מ. ברוקס
מר. און מרס. צ. ברוקס
מר. און מרס. ש. בריליאנט

מר. און מרס. ד. גאטליב
מר. און מרס. ב. גאלדבאנד
מר. און מרס. י. גאלדבערג
מרס. ל. גאלדבערג
מר. און מרס. צ. גאלדפיין
מרס. ב. גאלדשטיין
מר. מ. גאלדשטיין
אינזש. און מרס. ס. גאלדשטיין
מר. און מרס. ס. גאנדעוו
מר. און מרס. א. גורוויטש
מרס. ר. גיבגאט
מרס. ל. גייסט
מר. און מרס. י. גילבערט
מר. און מרס. ח. ד. גינטער

מרס. ט. גינטער
מר. און מרס. י. גלאו
מר. און מרס. מ. גראנעק
מר. און מרס. ר. גראסבי
מר. און מרס. פ. גראפמאן

מר. און מרס. י. דאן
מר. און מרס. א. דיטמאן
מר. און מרס. וו. דייוויס
מר. און מרס. י. דעמבינסקי

מר. און מרס.
ש. האכגעלערנטער
מר. און מרס. ר. האמבורג
מר. און מרס. ג. האסען
מר. און מרס. מ. הילער
מר. און מרס. ה. הענדעל
מר.און מרס. נ. הענדעל

מר. און מרס. ג. וואלף
מרס. ש. וולף
מר. און מרס. ק. ווײנגארט
מר. און מרס. מ. ווײנריב
מר. און מרס. א. ווייס
מר. און מרס. ד. ווייסבערג
מר. און מרס. ד. ווייסליץ
מר. און מרס. וו. ווייסמאן
מר. און מרס. י. ווייכער
מר. און מרס. וו. ווילער
מר. און מרס. ש. ווין
מר. און מרס. מ. וויניק

מר. און מרס. א. זבאר
מר. און מרס. ד.זילבערשטיין
מר. און מרס. י. זינגער
מר. און מרס. ד. זעלצער
מר. און מרס. י. זעמעל
מר. און מרס. א. זשעלעזניקאוו

מרס. ע. טאבאטשניק
מר. ס. טאבאלאווסקי
מר. און מרס. א. טענען
מר. און מרס. ס. טענענבוים
דר. און מרס. מ. טרייוויש
מר. און מרס. י. טשיזשיק
מר. י. טשעס
מר. און מרס. ל. טשערני

מר. און מרס. י. יאקובאוויטש
מר. און מרס. י. לאנסבערג
מר. און מרס. ט. לאפין
מר. און מרס.
י. ליטמאנאוויטש
מר. און מרס. מ. לייט

מר. און מרס. נ. לינטש
מר. און מרס. מ. לעווי
מר. און מרס. י. לעוויטאן
מר. און מרס. מ. לעווין
מר. און מרס. א. לעווינסאן
מר. און מרס. ב. לענג

מר. און מרס. ב. מאגאזאניק
מר. און מרס. מ. מאס
דר. און מרס. י. מאצקעוויטש
דר. און מרס. מ. מארליי
מר. און מרס. א. מאשקאוויטש
מר. און מרס. ה. מיאדעק
מר. און מרס. ה. מיאדאווניק
מר. און מרס. ש. מיגדאלעק
מר. און מרס. ד. מראצקי

מר. און מרס. י. נוכאמאוויטש
מר. און מרס. מ. נוסבוים
מר. און מרס. א. ניירענס

מר. און מרס. י. סאפיר
מר. און מרס. מ. סטיינלאוף
מר. און מרס. מ.סילמאן
מר. און מרס. פ. סמאל
מר. און מרס. נ.סמוזשיק
מר. און מרס. ה. סמיט
מר. און מרס. י. סעלווין
מר. און מרס. י. סעלווין
מר. און מרס. מ. סענדערס
מר. און מרס. ח. סראמאטקא

מר. און מרס. א. ענגעלהארד

מר. און מרס. א. פאוו
מר. און מרס. ש. פאוואדאווסקי
מר. און מרס. מ.פאטאשינסקי
מר. און מרס. ב. פאטקין
מר. און מרס. ס. פאיאס
מר. און מרס. י. פושעט
מר. מ. פיט
מר. און מרס. א. פלאט
מר. און מרס. י. פלאטעק
מר. און מרס. א. פערלבערג
מר. און מרס. ש. פערלבערג
מר. און מרס. מ. ד. פוקס
מר. און מרס. י. פייערשטיין
ברידער פינק
מר. און מרס. מ. פינק
מר. און מרס. מ. פעטער
מר. און מרס. ה. פעלדמאן
דר. און מרס. מ. פערשטענדיק

מר. און מרס. י. פרידמאן
מר. און מרס. ל. פרידמאן
מר. און מרס. ש. פרישער

מר. און מרס. י. צוקער
מר. און מרס. ג. צירין
מר. און מרס. י. צעבאן

ברידער ג. און ל. קאגאן
מר. און מרס. י. קאהאן
מר. און מרס. ס. קאהן
מר. און מרס. נ. קאסקי
מר. און מרס. ד. קאראפקא
מר. און מרס. מ. קארמאן
מר. און מרס.
א. קוויאטקאווסקי
מר. און מרס. ל. קוסטין
מרס. נ. קופער
מר. און מרס. ש. קופערשמידט
מר. און מרס. ס. קוראפ
מר. און מרס. ה. קושינסקי
מר. און מרס. פ. קלאצמאן
מר. און מרס. א. קעי
מר. און מרס. נ. קעיוו
מר. און מרס. י. קערש

מר. ב. ראזענבערג
מר. און מרס. י. ראזענבערג
מר. און מרס. ס. ראזענשטיין
מר. און מרס. ס. ראזנבוים
מר. און מרס. י. ראט
מר. און מרס. מ. ראט
מר. און מרס. ב. ראטבליט
מר. און מרס. ס. ראטבליט
מר. און מרס. מ. ראטנער
מר. און מרס. א. ראש
מר. און מרס. ט. רובינשטיין
מר. און מרס. ש. רובינשטיין
מר. און מרס. מ. ריטש
מר. און מרס. י. ריימער
מר. און מרס. י. רעכט

מר. און מרס. י. שאסטאק
מר. און מרס. י. שטראסבורג
מר. און מרס. ש. שיפמאן
מר. און מרס. ק. שמולעוויטש
מר. און מרס. י. שמערלינג
מר. און מרס. י. שמערלינג
מר. ח. ד. שענבערג
מר. און מרס. י. שער
מר. און מרס. ל. שער
מר. און מרס. י. שפערלינג

# יעקב ווייסליץ יובל־קאָמיטעט

פּאָרזיצער: יצחק קאַהאַן; וויצע־פּאָרזיצערס: יעקב ריימער, יאַשאַ שער;
ערן־קאַסירערס: ה. מיאָדאָווניק, ב. ראָטבליט; ערן־סעקרעטאַר: ל. פרידמאַן;
מיטגלידער: ס. בורשטין, פּ. בלאָק, ה. בערק י. גיליגיטש, א. זבאַר, ש. טיגעל, ש. מיגדאַלעק, מ. ראַט.

**יובל־קאָמיטעט:**

ה. בערגנער
ר. האָלצער
ה. מונץ
י. קערש
י. ראַפּאָפּאָרט

**פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס:**

**י. ב. נ. „קדימה"**
(ב. עזראָוויטש)

**טעאַטער־קרייז א. נ. פון דוד הערמאַן**
(י. שער)

**י. ל. פּרץ־שול**
(ש. פּערלבערג, י. שמערלינג)

**שלום עליכם־שול**
(נ. קאָסקי)

**ציוניסטישער ראַט**
(א. ברייזבלאַט)

**„בונד"**
(ה. באַכראַד, נ. סמוזשיק)

**„פּועלי־ציון"**
(מ. גרינבערג)

**ייד. הילפס־פאָנד**
(י. אָקנאָ)

**פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן**
(ש. שיפּמאַן)

**לאַנדסמאַנשאַפטן:**

**אָטוואָצקער־פאַלעניצער**
(א. ליפּשיץ)

**ביאַליסטאָקער**
(ע. אַבראַמסקי)

**ביאַלער**
(מ. הימעלבלוי)

**וואַרשעווער**
(א. נאַגעל)

**ווילנער**
(א. זשעלעזניקאָוו)

**זאַגלעמביער**
(מ. ראַבינאָוויטש)

**זשעלעכאָווער**
(ג. אָשלאַק)

**טאָמאַשאָווער**
(ב. ווייסמאַן)

**טורקער**
(א לייט)

**טשענסטאָכאָווער**
(ה. קאַזינס)

**לאָדזשער**
(ב. נוסבוים)

**לאָמזשער**
(ה. קורץ)

**כעלמער**
(י. גערשמאַן)

**לובלינער**
(א. שטערנפּיין)

**לאָוויטשער**
(ה. בערק)

**קאַלישער**
(ג. קוויאַטקאָווסקי)

**ראַדאָמער**
(ה. טענענבוים)

---

# דאַטעס פון יעקב ווייסליצעס טעאַטער־טעטיקייט

1913 — אַרייַנגעטראָטן אין דראַמאַטישן קרייז „הזמיר" אין וואַרשע.

1914 — געשפּילט איינאַקטערס און רעציטירט אין פאַרשידענע קולטור־פאַראיינען.

1915 — געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג די ראָל פון אַדוואָקאַט גרוזנבערג אין דער סענסאַציאָנעלער פּיעסע „מענדל ביילים". די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע ביי אַ יאָר צייט.

1916 — רעזשיסירט אין אַ ריי שטעט אין פּוילן און גלייכצייטיק רעציטירט.

1918 — אָרגאַניזירט אַ טרופּע יונגע אָנהויבער, וועלכע האָבן געשפּילט ליטעראַרישע פּיעסעס.

1919 — אַרייַנגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע", ווו ער האָט בהדרגה געשטיגן צו דער מדרגה פון הויפּט־אַקטיאָר, געשפּילט די הויפּט־ראָלן און אויך רעזשיסירט פּיעסעס. געווען מיט דער „ווילנער טרופּע" איבער 16 יאָר ביז 1935, ווען די טרופּע האָט זיך אויפגעלייזט.

1936 — אַרויסגעפאָרן פון פּוילן. געשפּילט און רעציטירט אין עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנק־רייך, בעלגיע, האָלאַנד, דענמאַרק און שוועדן.

1937 — גערופן געוואָרן דורך דער קולטור־פעדעראַציע קיין דרום־אַפריקע און סאַוטראָדעזיע.

1938 — גערופן געוואָרן קיין מעלבורן דורך די פריינד פון יידישן שול־וועזן אין פּוילן.

1939 — גערופן געוואָרן קיין בראַזיליע דורך אַ געגרינדעטן דאָרט יעקב ווייסליץ־קאָמיטעט. אויפגע־טראָטן אין כמעט אַלע דאָרטיקע יידישע ישובים. אויף צוריקוועגס געווען אין דרום־אַפריקע.

1940 — צוריקגעקומען קיין אויסטראַליע און געווען אין ביידע שטעט: מעלבורן און סידני.

1947 — געווען אין ניוזילאַנד, געשטעלט פאָרשטעלונגען און געהאַט אַ ריי רעציטאַציעס.

1948 — געווען אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, געשטעלט פאָרשטעלונגען און געהאַט וואָרט־קאָנצערטן אין צענדליקער שטעט.

1950 — געווען אין מדינת ישראל, אויפגעפירט אַ פּיעסע אין עברית אין „אהל" און געהאַט קרוב 60 וואָרט־קאָנצערטן אין יידיש.

1951 — אָנגעקומען צום דריטן מאָל קיין מעלבורן.

1955 — געווען אין סידני, אויפגעפירט פּיעסעס און געגעבן וואָרט־קאָנצערטן.

1956 — צוריק קיין מעלבורן.



## יעקב ווייסליץ אַלס „יואל שוואַרץ״ אין די „הילצערנע שיסל״

מיט 25 יאָר צוריק איז צווישן דעם גרויסן רעזשיסער סטאַניסלאַווסקי מיט מיכאָעלסן פֿאָר־געקומען אַזאַ געשפּרעך:

— סטאַניסלאַווסקי: „ווי דענקט איר, מיכאָעלס, פון וואָס פאַנגט זיך אָן דער פלי פון אַ פויגל?״

— מיכאָעלס: „ווען דער פויגל צעשפּרייט זיינע פליגל״.

— „ניין, — האָט סטאַניסלאַווסקי געענטפערט, — פליען דאַרף אַ פויגל מיט אַ פרייען און טיפן אָטעם, דער פויגל נעמט זיך אָן מיט לופט און הויבט אָן פליען״.

דאָס יידישע לעבן האָט פאַר אונדזערע קינסטלער־פויגל ווייט־נישט צוגעגרייט די וואַרעמע אַטמאָספער, די לופט, מיט וועלכער זיי זאָלן זיך קאָנען אָננעמען און פריי אָטעמען. דער פלי איז דעריבער געווען פיל שווערער מיט שטאַרקערע נסיונות, ווי ביי נישט־יידן... אָבער שטרויכלונגען האָבן נישט אונטערגעהאַקט די פליגל און כ׳בין זיכער, ווען מען זאָל ווייסליצן היינט אַ פרעג טאָן, אויב ער וואָלט געדאַרפט אָנהויבן זיין לעבן אויפסניי, צי וואָלט ער זיך אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג, וואָלט ער זיכער געענטפערט: ניין, ער וואָלט ווייטער אויסגעטוישט עקאָנאָמישע סטאַבילקייט אויף דעם שווערן ברויט, אויף דעם „הא לחמא עניא״ פונעם יידישן קינסטלער.

יצחק קאַהאַן



יעקב וויסליין און זיינע קרעאַציעס. אויבן רעכטס — „דער מיראָפּאָלער צדיק", אויבן לינקס — „שימעלע סאָראָקער", אונטן רעכטס — „דער זינגער פון זיין טרויער", אונטן לינקס — „שימעלע סאָראָקער".

פיעסעס, געשטעלט דורך יעקב וויסליץ אין מעלבורן מיט דער „יידישער בינע" און שפעטער מיטן „דוד הערמאַן טעאַטער-קרייז" און פיעסעס, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט:

| | |
|---|---|
| 22. 3.1938 | „די געלע לאַטע" („פּראָפעסאָר מאַמלאָק") פון פ. וואָלף; מיט דער באַטייליקונג פון שרה און נתן גינטער ע"ה. |
| 23. 4.1938 | י. ל. פּרץ-פאַרשטעלונג; מיט דער באַטייליקונג פון שרה און נתן גינטער. |
| 10. 5.1938 | „200.000" („דאָס גרויסע געווינס") פון שלום עליכם; מיט דער באַטייליקונג פון שרה און נתן גינטער. |
| 9. 7.1938 | „דיבוק" („צווישן צוויי וועלטן") פון ש. אנ-סקי; מיט דער באַטייליקונג פון שרה און נתן גינטער. |
| 6. 4.1940 | „פרווידס חלומות-טעאַריע" פון א. צווידזינסקי, יידיש: ח. ראָזענשטיין, רעזשיסירט דורך י. וויסליץ און רחל האָלצער; מיט דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער. |
| 4. 5.1940 | „די ברויט-מיל" („דער טויבער") פון **דוד בערגעלסאָן**; מיט דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער. |
| 8. 6.1940 | „פּרנסה" פון חנא גאָטעספעלד; מיט דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער. |
| 13. 7.1940 | „דער פאָטער" פון א. סטרינדבערג, רעזשיסירט דורך רחל האָלצער; מיט דער באַטייליקונג פון יעקב וויסליץ. |
| 17. 8.1940 | „דער זינגער פון זיין טרויער" פון אָסיפּ דימאָוו; מיט דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער. |
| 2.11.1940 | „דער פאָטער איז געוואָרן בלינד" פון ה. לייוויק. |
| 14.12.1940 | „200.000" פון שלום עליכם (באַנייאונג). |
| 5. 3.1941 | „מוטער" פון ק. טשאַפּעק; יידיש: ח. ראָזענשטיין; רעזשי: רחל האָלצער; מיט דער באַטייליקונג פון יעקב וויסליץ. |
| 7. 5.1941 | „אַטענטאַט" פון וו. א. סאָמין; יידיש: חיים ראָזענשטיין; רעזשי רחל האָלצער; מיט דער באַטייליקונג פון יעקב וויסליץ. |
| 5. 7.1941 | „שלום עליכם-פאַרשטעלונג". |
| 6. 9.1941 | „דאָס לעבן רופט" פון ב. ביעלאָצערקאָווסקי; מיט דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער. |
| 8.11.1941 | „גרינע פעלדער" פון פּ. הירשביין; מיט דער באַטייליקונג פון יוכבד וויסליץ ע"ה. |
| 13.12.1941 | „אַ פרעמד קינד" פון וו. שקוואַרקין; יידיש: ח. ראָזענשטיין; רעזשי: רחל האָלצער; מיט דער באַטייליקונג פון יעקב וויסליץ. |
| 10.10.1942 | „אַ מיליאָן צרות" פון וו. קאַטאַיעוו. |
| 10. 7.1943 | „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום עליכם. |
| 22. 4.1944 | „דער מבול" פון ה. בערגער. |
| 9. 8.1944 | „200.000" פון שלום עליכם. באַנייאונג; מיט דער באַטייליקונג פון יוכבד וויסליץ ע"ה. |
| 13. 6.1945 | „אונדזער ערד" („האדמה הזאת") פון א. אשמאַן. יידיש: ח. גורט. |
| 26.10.1945 | שלום עליכם-פאַרשטעלונג. נייער פּראָגראַם. |
| 23. 6.1951 | „200.000" פון שלום עליכם. באַנייאונג. |
| 2. 9.1951 | „אונדזער ערד" פון א. אשמאַן. באַנייאונג. |
| 1. 3.1952 | „שווער צו זיין אַ ייד" פון שלום עליכם. באַנייאונג. |
| 2. 8.1952 | „קידוש השם" פון שלום אַש; מיט דער באַטייליקונג פון מילא וויסליץ. |
| 27. 9.1952 | י. ל. פּרץ-פאַרשטעלונג; מיט דער באַטייליקונג פון מילא וויסליץ און משה פּאָטאַשינסקי. |
| 22.11.1952 | „פּרנסה" פון חנא גאָטעספעלד. באַנייאונג; מיט דער באַטייליקונג פון מילא וויסליץ און מ. פּאָטאַשינסקי. |
| 28. 3.1953 | „בית הלל" פון משה שמיר. יידיש: חיים גורט; מיט דער באַטייליקונג פון מילא וויסליץ. |
| 12. 9.1953 | „דאָרפס-יונג" פון ל. קאָברין; מיט דער באַטייליקונג פון מ. פּאָטאַשינסקי. |
| 22. 5.1954 | „אַ מעשה מיט הערשעלע אָסטראָפּאָליער" פון י. גערשענזאָן; מיט דער באַטייליקונג פון מילא וויסליץ און מ. פּאָטאַשינסקי. |
| 30. 6.1956 | „שרגא פייוויש גייט אין נגב" פון י. סלע; יידיש: י. טאוב. |
| 20.10.1956 | „200.000" פון שלום עליכם. באַנייאונג. |
| 9. 3.1957 | „דיבוק" פון ש. אנ-סקי. באַנייאונג; מיט דער באַטייליקונג פון מ. פּאָטאַשינסקי. |
| 2. 7.1957 | „די גרעפין פון פּאַלאַץ" פון ל. גאָלדבערג. יידיש: י. טאוב. |
| 25.10.1958 | „די הילצערנע שיסל" פון ע. מאָריס. יידיש: א. צימערמאַן. |
| 13. 6.1959 | „טביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם. |
| 21. 5.1960 | „דער טויט פון סעילסמען" פון אַרטור מילער. יידיש: י. מעצקער; מיט דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער. |
| 11. 8.1962 | „בעק-לעין צענטער" פון א. גילנער; מיט דער באַטייליקונג פון רחל האָלצער. |

# יעקב ווייסליץ — דער בעל־היובל

שוין פינף צענדליק יאָר שטייט יעקב ווייסליץ ביים יידישן טעאַטער און טראָגט דאָס יידישע וואָרט איבער דער גאָרער יידישער וועלט.

אין יאָר 1913 איז ער געווען פון די ערשטע מיטגלידער פון דעם דראַמאַטישן קרייז „הזמיר”, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון י. ל. פרץ, דר. מוקדוני, דוד הערמאַן, ח. ד. נאָמבערג, דר. גרשון לעווין א. א.

פון אָט דעם דראַם־קרייז און פון דער שרייבערישער און געזעלשאַפטלעכער סביבה, וואָס איז געווען אַרום דעם קרייז, האָט יעקב ווייסליץ אַרויסגעטראָגן די ליבשאַפט און די צוגעבונדקייט צום יידיש שאַפן. זינט יענער צייט פירט ער דעם געראַנגל פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער און פאַר אַלץ, וואָס איז פריש, שיין און ריין אין דער יידישער ליטעראַטור. זיין אומדערמידלעכע אַרבעט אויפן געביט פון טעאַטער און רעציטאַציע האָט פיל מיטגעהאָלפן צום אויפבוי און אויפשטייג פון דער יידישער קולטור.

פינף צענדליק יאָר איז ער געגאַנגען איבער אַלע שטעגן און וועגן פון יידישן לעבן, לאַנד־איין, לאַנד־אויס, שטאָט־איין, שטאָט־אויס. אומעטום, ווו עס איז נאָר דאָ אַ יידישער ישוב, האָט ער געשפּילט אויף דער בינע, רעזשיסירט, געהאַלטן פאָרטראַגן, געגעבן וואָרט־קאָנצערטן, באַקענט דעםברייטן עולם מיט די בעסטע טעאַטער־ווערק, אויסגעטייטשט מיט זיינע קינסטלערישע רעציטאַציעס די יידישע ליטעראַטור, אָנהויבנדיק פון די קלאַסיקער און ענדיקנדיק מיט די היינטצייטיקע יידישע שרייבער.

1935—1919 — זעכצן יאָר פרוכטבאַרע יאָרן אין דער אומפאַרגעסלעכער „ווילנער טרופּע” — די גאָלדענע תקופה אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. פון 1935 געשפּרייזט איבער דער יידישער וועלט — אין כמעט אַלע לענדער פון אייראָפּע, דרום־אַפריקע, צפון־אַמעריקע, ישראל און אויסטראַליע.

פון די 50 יאָר בינע־טעטיקייט פאַלט אויס אַ העלפט אויף מעלבורן און סידנעי. אין די צוויי שטעט האָט יעקב ווייסליץ געשטעלט צענדליקער טעאַטער־פאָרשטעלונגען, געגעבן וואָרט־קאָנצערטן און געהאַלטן פאַרטראַגן, אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע אונטערנעמונגען. אַ שפּאָרעוודיק סך־הכל, אַ רייך קאַפּיטל, אַ קולטור־אַרבעט פון אַ גרויסן פאַרנעם, וואָס האָט דערהויבן דאָס גייסטיקע לעבן פון אונדזער ישוב.

אין מעלבורן האָט יעקב ווייסליץ פאַרשריבן נאָך אַ הערלעך קאַפּיטל אין זיין לעבנס־געשיכטע — דאָס איז זיין אַרבעט לטובת דעם יידישן חינוך אין אונדזער ישוב, פריער אַלס לערער אין דער י. ל. פרץ־שול און שפּעטער אַלס פאַרוואַלטער פון דער שלום עליכם שול.

# יעקב ווייסליצ'עס טעטיקייט אין אויסטראַליע

**אין מעלבורן:**

אויפגעפירט 28 פּיעסעס; געשפּילט אין 165 פאָרשטעלונגען; געגעבן 55 וואָרט־קאָנצערטן; אָנטיילגענומען אין 47 ליטעראַרישע אָוונטן; געהאַלטן 41 פאָרטראַגן; זיך באַטייליקט אין 36 יזכור־אָוונטן; פירט אָן מיט דער שלום־עליכם שול העכער 13 יאָר.

**אין סידנעי:**

אויפגעפירט 13 פּיעסעס; געשפּילט אין 23 פאָרשטעלונגען; געגעבן 18 וואָרט־קאָנצערטן; אָנטיילגענומען אין 20 ליטעראַרישע אָוונטן; געהאַלטן 16 פאָרטראַגן; זיך באַטייליקט אין 3 יזכור־אָוונטן.

**אין פּערט:**

געשפּילט איין פאָרשטעלונג; געגעבן 2 וואָרט־קאָנצערטן; געהאַלטן איין פאָרטראַג.



# יעקב ווייסליץ אין „דעם פאטער״ פון א. סטרינדבערג

אַלעמאָל, אַז עס קומט מיר אויס צו טראַכטן וועגן יעקב ווייסליצן און זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער, סיי אין פוילן און סיי אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים, דערשיינט פאַר מיר ווייסליץ נישט בלויז ווי אַן אַקטיאָר, נאָר ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון עפּעס אַ גרופּע — פון א רבים.

כאָטש ווייסליץ איז נישט קיין טעאַטער־נאָוואַטאָר, קיין שאַפער פון נייע שולעס, פאַרמאָגט ער אָבער דעם כוח אין זיך צו שאַפן אומעטום, ווו ער קומט, זיינע תלמידים, וואָס רינגלען אים אַרום מיט פּיעטעט און וואַרעמקייט און הערן זיך צו צו זיין וואָרט, ווי צו די רייד פון אַ רבין.

...איך ווייס נישט, וואָס איך קאָן מיך פון דעם געפיל נישט באַפרייען — אָבער יעקב ווייס־ליצעס שפּילן יידיש טעאַטער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַ יום־טובדיקן אַראָמאַט, ספּעציפיש רוחניות־דיקן געשמאַק און מיט דעם שיידט ער זיך אונטער פון די אַנדערע אַקטיאָרן פון זיין צייט. מען איז זיכער, אַז ער טוט אַלץ לשמה און מיט דער כוונה: מרביץ זיין די יידישע ליטעראַטור ברבים.

הערץ בערגנער



# יעקב ווייסליץ אלס „שינועלע סאראקער"
# אין „200,000" שלום עליכמס

ווען ווייסליץ וואָלט געשפּילט אויף אַ גוי'אישער בינע, וואָלט ער שוין לאַנג געווען אנערקענט אַלס נאַציאָנאַלער אַקטיאָר און וואָלט אַרומגעשווומען אין רייכטום און כבוד.

ווייסליץ איז דער נאַציאָנאַלער אַקטיאָר פון דער יידישער בינע. ער פאַריידישט גרויסע העלדן, אפילו ווען לויט דעם מחבר זענען זיי נישט אַזוי יידיש, און דערמיט גיט ער זיין אייגענע אינטערפּרע־טאַציע, וועלכע דעקט זיך נישט אַלעמאָל מיט דער אינטענץ פון דעם מחבר.

מיט אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלערישער אינטואיציע ברענגט ווייסליץ אַרויס דעם נאַציאָנאַלן פּאַטאָס פון פּראָסטן ייד און דעמאָלט דערפילט ער צוויי פונקציעס: ער געשטאַלטיקט קינסטלעריש דעם העלד און גיט די קונסט אַ פאָרם, וועלכע דערהויבט דעם צוהערער און מאַכט פון אים אַ קאָנסומענט פון יידישער קולטור.

אָט די צוויי פונקציעס — קינסטלערישע עקספּרעסיע און קולטור־אַרבעט, וועבן זיך אין ווייסליצן צוזאַמען און דערפאַר איז ווייסליץ — דער אַקטיאָר אויך גלייכצייטיק דער קולטור־עסקן.

דר. א. צימערמאַן

# באַגריסונגען

מיר באַגריסן יעקב ווייסליצן, דעם טאַלאַנטפולן בינע־קינסטלער, דעם גרויסן וואָרט־מייסטער, דעם איבערגעגעבענעם דערציער, וועלכער האָט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט געגעבן אַ גרויסן צושטייער צו דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור איבער דער גאָרער וועלט און האָט גאָר גרויסע פאַרדינסטן ביים אויפהאַלטן דאָס גייסטיקע לעבן אין אונדזער ישוב פאַר די לעצטע 25 יאָר.

**י. נ. ב. „קדימה"**

דעם ליבן לערער, האַרציקן חבר און וועג־ווייזער צום בעסערן יידישן טעאַטער — אונדזער דאַנקבאַרקייט און איבערגעגעבנקייט.

מיר ווינטשן יעקב ווייסליצן נאָך לאַנגע און שעפערישע יאָרן אויף אַלע געביטן פון יידישער קולטור.

**טעאַטער־קרייז א. נ. פון דוד הערמאַן ביי דער „קדימה"**

יעקב ווייסליצן — איינעם פון די אָנגעזעענסטע יידישע אַקטיאָרן, דעם קעמפער פאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער, דעם פיינעם רעציטאַטאָר, דעם לערער און דערציער, ווינטשן מיר נאָך לאַנגע יאָרן פון שעפערישער אַרבעט.

**שול־קאָמיטעט, לערער און שילער פון דער י. ל. פרץ־שול**

אונדזער טייערן פאַרוואַלטער, לערער און גרויסן יידישן אַקטיאָר — יעקב ווייסליצן ווינטשן מיר נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן פון פרוכטבאַרער אַרבעט.

**שול־קאָמיטעט, לערער און שילער פון דער שלום־עליכם שול**

צום 50־יאָריקן יובל פון בינע־טעטיקייט באַגריסן מיר יעקב ווייסליצן, דעם וועטעראַן פון יידישן טעאַטער און ווינטשן אים לאַנגע און פרוכטבאַרע יאָרן.

**ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע**

מיר שיקן איבער די האַרציקסטע ווונטשן דעם חבר יעקב ווייסליץ צו דעם יובל פון זיין 50־יאָריקער טעטיקייט אויף דער יידישער בינע. עס איז געווען מער ווי נאַטירלעך, אַז ווען יעקב ווייסליץ האָט זיך געוואָלט ווידמען דער אַרבעט לטובת דער יידישער קולטור, האָט ער געפונען זיין אידייאישן וועג צום „בונד".

**מעלבורנער קאָמיטעט פון „בונד"**

יעקב ווייסליצן צו זיין 50־יאָריקן יובל פון פרוכטבאַרער טעאַטער־טעטיקייט — אונדזערע בעסטע ווונטשן.

**פאַרטיי און קאָמיטעט פון פועלי־ציון אין מעלבורן**

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער 50־יאָריקער פאַרדינסטפולער, קינסטלערישער טעטיקייט פון יעקב ווייסליץ, ווינטשן מיר דעם בעל־יובל נאָך לאַנגע און געזונטע יאָרן פון שעפערישער טעטיקייט אויפן געביט פון יידישער קולטור.

**עקזעקוטיוו און ראַט פון דער פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן**

מיר סאַלוטירן דעם וועטעראַן פון דער יידישער בינע, דעם טרעגער פון יידישן וואָרט און פון דער יידישער קולטור און ווינטשן אים נאָך לאַנגע און שעפערישע יאָרן.

**אָטוואָצק־פאַלעניצער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן**

מיר באַגריסן האַרציק דעם אַרטיסט און רעזשיסער יעקב ווייסליצן צום זיינע 50 יאָר בינע־טעטיקייט. מיר ווינטשן אים אַ סך גוטע און געזונטע יאָרן און באַפרידיקונג אין זיין קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

**פרעזידענט און פאַרוואַלטונג פון ביאַליסטאָקער צענטער אין מעלבורן**

דעם באַגאַבטן טעאַטער־קינסטלער און טרעגער פון יידישן וואָרט יעקב ווייסליצן — אונדזערע האַרציקסטע ווונטשן צו זיין 50־יאָריקן יובל פון בינע־טעטיקייט און קולטור־אַרבעט.

**ביאַלער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן**

דעם פאָן־טרעגער פון יידישן טעאַטער און פון דער יידישער קולטור, יעקב ווייסליצן — ווינטשן לאַנגע און שעפערישע יאָרן

**פרעזידענט און קאָמיטעט פון וואַרשעווער צענטער אין מעלבורן**

# באגריסונגען

דעם גרויסן „ווילנער" — יעקב ווייסליצן אריכת ימים ושנים.

**לאַנדסמאַנשאַפט פון ווילנע און אומגעגנט**

יעקב ווייסליצן, דעם גאָט־געבענטשטן אַקטיאָר, דעם קולטור־פאַרשפּרייטער און וואַרעמען ייד — אונדזערע האַרציקסטע ווונטשן צו זיין גוט־פאַרדינטן יובל.

**זאַגלעמביער צענטער אין מעלבורן**

דעם שטערן פון יידישן טעאַטער, דעם מייסטער פון יידישן וואָרט, דעם קולטור־טרעגער — אונדזערע ברכות און האַרציקסטע ווונטשן.

**זשעלעכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן**

מיר באַגריסן האַרציק דעם באַרימטן יידישן קינסטלער און פּעדאַגאָג, יעקב ווייסליצן צו זיין יובל פון 50־יאָריקער בינע־טעטיקייט און ווינטשן אים נאָך פיל יאָרן פון שעפערישער אַרבעט.

**פּרעזידענט, קאָמיטעט און מיטגלידער פון דער טאָמאַשאָווער, ראַווער (מאַז.) און בזשעזשינער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן**

צוזאַמען מיטן גאַנצן מעלבורנער ישוב באַגריסן מיר יעקב ווייסליצן צו זיין 50־יאָריקער בינע־טעטיקייט און ווינטשן אים אריכת ימים, ער זאָל קאָנען ווייטער אָנגיין מיט זיין רומפולער אַרבעט.

**פּרעזידענט און קאָמיטעט פון טורקער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן**

מיר ווינטשן דעם באַליבטן און פאַרדינסטפולן אַרטיסט, יעקב ווייסליצן נאָך פיל יאָרן פון פּרוכטבאַרער אַרבעט.

**קאָמיטעט פון טשענסטאָכאָווער צענטער אין מעלבורן**

דעם פיינעם יידישן אַרטיסט, יעקב ווייסליצן — אונדזערע האַרציקסטע ווונטשן צו זיין יובל

**קאָמיטעט פון לאָדזשער צענטער אין מעלבורן**

צום יובל פון חשובן און באַליבטן אַרטיסט, יעקב ווייסליץ — דעם טרעגער און פאַרשפּרייטער פון יידישן וואָרט במשך פון 50 יאָר — ווינטשן מיר אריכת ימים און אַ סך געזונט — כה לחי.

**לאָמזשער לאַנדסמאַנשאַפט און אומגעגנט**

אַלס ליבהאָבער פון קונסט און פון יידישן וואָרט שאַצן מיר זייער הויך די פּיליאָריקע, רומרייכע בינע־ און אַלגעמיינע טעטיקייט פון יעקב ווייסליץ. מיר ווינטשן אים אַ צופרידענע עלטער.

**קאָמיטעט פון כעלמער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן**

צו דער אָפּשליסונג פון אַ האַלבן יאָרהונדערט קינסטלערישער טעטיקייט פון דעם גרויסן וואָרט־קינסטלער, יעקב ווייסליץ, ווינטשן מיר אים נאָך לאַנגע יאָרן פון שעפערישער טעטיקייט לטובת דעם יידישן ישוב אין מעלבורן.

**לובלינער צענטער אין מעלבורן**

האַרציקע גרוסן פאַר דעם טאַלאַנטפולן קינסטלער און קולטור־פאַרשפּרייטער, וועלכער האָט דערהויבן אונדזער גייסטיק לעבן.

**לאָוויטשער לאַנדסמאַנשאַפט אין מעלבורן**

מיר באַגריסן האַרציק דעם קינסטלער און קולטור־טוער, יעקב ווייסליצן צו זיין 50־יאָריקן יובל פון טעאַטער־טעטיקייט און ווינטשן אים געזונט און אַ סך יאָרן פון פּרוכט־באַרער אַרבעט לטובת דער יידישער געזעלשאַפט.

**קאַלישער צענטער אין מעלבורן**

אַ האַרציקע באַגריסונג פאַר יעקב ווייסליצן, דעם בינע־וועטעראַן, געזעלשאַפטלעכן טוער, לערער און דערציער. מיר ווינטשן אים אריכת ימים און דערפאָלג אין זיין ווייטערדיקער טעטיקייט.

**ראַדאָמער צענטער אין מעלבורן**

Printed by YORK PRESS LTD. 198-204 Faraday St., Carlton.